ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# אגרת הרמב"ן

# 1

לשון הקודש ואידיש

**575**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# אגרת הרמב"ן

האגרת הזאת שלח הרמב"ן ז"ל מעכו לקטלוניא לבנו על הענוה וצוה בו שיקראנה פעם אחת בשבוע וילמדו גם אחרים עמו ויהיה רגיל בה בעל פה כדי לחנכם בילדותם ביראת שמים. (העתקתיו מס' מעולפת ספירים בסופו) :

שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך. תתנהג תמיד לדבר כל דבריך בנחת לכל אדם ובכל עת. ובזה תנצל מן הכעס שהיא מדה רעה להחטיא בני אדם וכן אמרו רבותינו ז"ל כל הכועס כל מיני גיהנם שולטין בו שנאמר והסר כעס מלבך והעבר רעה מבשרך. ואין רעה אלא גיהנם שנאמר וגם רשע ליום רעה. וכאשר תנצל מן הכעס תעלה על לבך מדת הענוה שהיא מדה טובה מכל המדות טובות שנאמר עקב ענוה יראת ה' ובעבור הענוה תעלה על לבך מדת היראה כי תתן אל לבך תמיד מאין באת ולאן אתה הולך ושאתה רמה ותולעה בחייך ואף כי במותך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך הכבוד. שנאמר הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך אף כי לבות בני אדם ונאמר הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאם ה'. וכאשר תחשוב את כל אלה תירא מבוראך ותשמר מן החטא ובמדות האלה תהיה שמח בחלקך. וכאשר תתנהג במדת הענוה להתבושש מכל אדם ולהתפחד ממנו ומן החטא אז תשרה עליך רוח השכינה וזיו כבודה וחיי עולם הבא. ועתה בני דע וראה כי המתגאה בלבו על הבריות מורד הוא במלכות שמים כי מתפאר הוא בלבוש מלכות שמים שנאמר ה' מלך גאות לבש וגו' ובמה יתגאה לב האדם. אם בעושר. ה' מוריש ומעשיר

כדי לזכות את הרבים וועלען מיר דא בעזה"י מעתיק זיין (אגרת הרמב"ן) על לשון אשכנז. וואס דער הקדוש והטהור המקובל רבינו משה בן נחמן זצ"ל געשריבען האט צו זיין זוהן (מענין הענוה) :

(שמע בני מוסר אביך. ואל תטוש תורת אמך) מיין קינד פארנעם דיא שטראף דייד פון דיין פאטער. אונ פארלאז נישט דיא לעהרע פון דיינע מוטער. זאלסט דיך געוויינען אלע מאהל צו יעדען מענש צו רעדען בנחת. דאדורך וועסט דו ניצול ווערן פון כעס. וואס דאס איז דיא ארגסטע מדה פון אלע מדות רעות. אזו וויא דיא חכמים האבען גיזאגט (כל הכועס וכו') אן דעם בעל הכעס טוט שולט זיין אלע מיני גיהנם. אונ ווען דיא ווערסט בעזה"י ניצול ווערען פון כעס. זאלסט זעהן כל התפעלות צו טוהן דיך צו בעגרייפען אן דיא מדה טובה פון (ענוה) דעמוטהיגקייט. ווייל דאס איז דיא בעסטע מדה פון אלע מדות טובות. וממילא דורך דיא חשובה מדה פון ענוה ווערסט דו קומען צו יראת שמים. מחמת וואס דיא ווערסט פארשטיין פון וואנען דיא ביזט געקומען (מטפה סרוחה) אונ וויא אהין דיא ווערסט ווידער צוריק גיין (למקום רמה ותולעה). אונ פאר וועמ דיא ביזט אהנגעברייט דין וחשבון אפ צו געבען פאר דעם מלך הכבוד מלך מלכי המלכים הקב"ה. אונ ווען דיא מיין קינד ווערסט אן דיא דאזיגע זאכען אייביג דענקען. אזו ווערסט דו זוכה זיין צו קומען צו יראת שמים. זיך אייביג צו פארכטען פאר הקב"ה. אונ ווערסט דיך היטען פון צו זינדיגען. אונ ווערסט אויך קומען צו דיא מדה טובה פון הסתפקות. זיך בעגניגען צו לאזען מיט אלעס וואס דער בורא ב"ה ווערד דיר בישעהרן :

זאלסט וויסען מיין קינד. ווען דו ווערסט דיך אלע מאהל נוהג זיין במדות הענוה. אונ ווערסט דיך היטען פון עבירות. אזו ווערסט דיא זוכה זיין לרוח הקודש. אונ אויך לחיי עולם הבא. מיין קינד זאלסט וויסען. דאס דער בעל גאוה טוט מורד זיין במלכות שמים. ווייל דיא אמתדיגע גאוה גיהער נאר צו הקב"ה. אזו וויא עס שטייט (ה' מלך גאות לבש וגו'). אונ באמת מיט וואס האט זיך דער מענש בגאוה

צו

ומעשיר. ואם בכבוד. הלא לאלהים הוא. שנאמר והעושר והכבוד מלפניך ואיך מתפאר בכבוד קונו. ואם מתפאר בחכמה מסיר שפה לנאמנים וטעם זקנים יקח. נמצא הכל שוה לפני המקום. כי באפו משפיל גאים וברצונו מגביה שפלים. לכן השפל עצמך וינשאך המקום. ע"כ אפרש לך איך תתנהג במדת הענוה ללכת בה תמיד. כל דבריך יהיו בנחת וראשך כפוף ועיניך יביטו למטה לארץ ולבך למעלה ואל תביט בפני אדם ברברך עמו. וכל אדם יהיה גדול ממך בעיניך. ואם חכם או עשיר הוא עליך לכבדו. ואם רש הוא ואתה עשיר או חכם ממנו חשוב בלבך כי אתה חייב ממנו והוא זכאי ממך. שאם הוא חוטא הוא שוגג ואתה מזיד. בכל דבריך ומעשיך ומחשבותיך ובכל עת חשוב בלבך כאלו אתה עומד לפני הקב"ה ושכינתו עליך כי כבודו מלא העולם. ודבריך יהיו באימה וביראה כעבד לפני רבו ותתבייש מכל אדם ואם יקראך איש אל תענהו בקול רם רק בנחת כעומד לפני רבו. והוי זהיר לקרות בתורה תמיד אשר תוכל לקיימה. וכאשר תקום מן הספר תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו

צו האלטען. ווען דורך עשירות. פארוואהר עשירות קימט דאך נאר פון הקב"ה. אזו וויא עס שטייט (ה' מוריש ומעשיר). ווען ווידער מחמת כבוד. פארוואהר דער כבוד געהער נאר צו הקב"ה. אזו וויא עס שטייט (העושר והכבוד מלפניך). זאל זיך ווידער איין מענש וועלען בגאוה האלטען ווייל ער איין חכם איז. הלא פארוואהר די חכמה איז דאך נאר פון הקב"ה און ווען ער וויל טוט ער די חכמים פארנארען אזו וויא עס שטייט (מסיר שפה לנאמנים וטעם זקנים יקח) נמצא דאס פאר הקב"ה זענען אלע מענשען גלאך. די הופירדיגע מענשען טוט הקב"ה נידריג מאכען. און די נידריגע טוט ער ערהייבען: איבער דעם מיין קינד האלט דיך אליין פארשפעטעט. אזו וועט דיך הקב"ה ערהייבען. ועתה אצונד מיין קינד וועל איך דיך אונטערריכטען וויא דוא זאלסט דיך נוהג זיין מיט די מדה ענוה. דיינע אלע רייד צו די מענשען זאלען אלע מאהל זיין בנחת. און דיין קאפ אראפ געבויגען. מיט דיינע אויגען זאלסט דו אראפ קוקען: ובשעת די ווערסט רעדען מיט איין מענש. זאלסט איהם נישט אין פנים קוקען. מחמת ענוה אויך יעדען מענש וואס ווערסט זעהן זאלסט איהם האלטען גרעסער און חשובר פון דיר. דען אויב יענער איז איין חכם. אדער איין עושר. אזו ביזט דאך מחויב מצד הדין איהם בכבוד צו האלטען

איז יענער ווידער איין עני. און די איין עושר. אדער די ביזט מעהר חכם פון איהם. דארפסט איהם מהאי טעמא בכבוד צו האלטען. ווייל די ביזט מעהר חייב פון איהם ווייל ווען ער טוט עפעס איין פעהלער. איז ער גירעכנט וויא איין שוגג. און די ביזט גירעכנט פאר איין מזיד:

(בכל דבריך) ביא אלע דיינע רייד. און ביא אלע דיינע מעשים וואס ווירסט וועלען טוהן. זאלסט אלע מאהל טראכטען גלאך די שטייסט אצונד פאר הקב"ה (כי כבודו מלא עולם) ווייל זיין כבוד איז פול אויף די גאנצע וועלט: אויך אלע דיינע רייד זאלען זיין באימה וביראה. אזו וויא איין עבד פאר זיין הערר. פאר יעדען מענש זאלסט דיך שעהמען נישט צו איהם הויך צו רעדען. נאר בנחת. גלאך די העסט געשטאנען פאר דיין רבי: זאלסט זעהן אייביג צו לערנען תורה וועלכע די זאלסט זיא קענען מקיים זיין. און יעדעס מאהל וואס די ווערסט האבען אויסגילערנט. זאלסט אריין קוקען אין דעם ספר וואס האסט גילערנט. אויב די קענסט דאס מקיים זיין. וואס האסט אצונד גילערנט. זאלסט זעהן יעדען פריה און מארגען (מפשפש במעשים) צו זיין אין די מעשים פון דען טאג צו איבערזיכטיגען אויב די האסט נישט דען טאג עפעס איין פעהלער געטוהן. דאדורך

ווערסט

# אגרת הרמב"ן

לקיימו. ותפשפש במעשיך בבקר ובערב. ובזה יהיו כל ימיך בתשובה. והסר כל דברי העולם מלבך בעת התפלה והכן לבך לפני המקום ב"ה וטהר רעיונך וחשוב הדבור קודם שתוציאנו מפיך. וכן תעשה כל ימי חיי הבלך בכל דבר ודבר ולא תחטא ובזה יהיו דבריך ומעשיך ומחשבותיך ישרים ותפלתך תהיה זכה וברה ונקיה ומכוונת ומקובלת לפני המקום ב"ה שנאמר תכין לבם תקשיב אזנך. תקרא האגרת הזאת פעם אחת בשבוע ולא תפחות לקיימה וללכת בה תמיד אחר השם יתברך למען תצליח בכל דרכיך ותזכה לעולם הבא הצפון לצדיקים. ובכל יום שתקראנה יענוך מן השמים כאשר יעלה על לבך לשאול עד עולם אמן סלה :

וֶועסְט זוֹכֶה זַיין (שיהי׳ כל ימיך בתשובה) וָואס אַלֶע דַיינֶע טָאג וֶועלֶען זַיין מִיט תְּשׁוּבָה: מַיין קִינְד בְּשַׁעַת הַתְּפִלָּה זָאלְסְט זֶעהְן פוּן דִיר אָבּ צוּ טוּהְן אַלֶע עִנְיָנִים פוּן דִיא וֶועלְט. אוּנ זָאדְסְט זֶעהְן אָן צוּ גְרֵייטֶען דַיין הַארְץ פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ: פַאר יֶעדֶען דִבּוּר וָואס דִיא ווִילְסְט רֶעדֶען. זָאלְסְט פְרִיעֶר טְרַאכְטֶען וָואס דוּא ווִילְסְט רֶעדֶען. אוֹיךְ פַאר יֶעדֶע זַאךְ וָואס ווִילְסְט טוּהְן. זָאלְסְט פְרִיעֶר טְרַאכְטֶען אוֹיבּ דוּא דַארְפְסְט דִיא זַאךְ צוּ טוּהְן. אוּנ וֶוען דִיא וֶועסְט דִיךְ אֵייבִּיג אַזוֹי פִיהְרֶען בֵּייא אַלֶע דַיינֶע זַאכֶען. אַזוֹי וֶועסְט גָאר נִישְׁט דַארְפֶען צוּ קוּמֶען צוּ זִינְדִיגֶען. נָאר אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים וֶועלֶען גֶעווִיס רַאכְטפַארְטִיג זַיין פַאר הַשי"ת. אוּנ דַיין תְּפִלָּה וֶוערְד רֵיין אוּנ לוֹיטֶער זַיין. אוּנ אָהְנְגֶענוּמֶען זַיין פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ. מַיין קִינְד אִיךְ גֶעבֶּיטֶה דִיךְ זָאלְסְט דֶען דָאזִיגֶען בְּרִיעף לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדֶע וָואךְ אֵיין מָאהל דוּרְךְ לֵיינֶען. אַזוֹ וֶועסְט דוּא מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגֶען. אוּנ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין לְעוֹלָם הַבָּא (הַצָּפוּן לַצַּדִּיקִים): אוּנ יֶעדֶען טָאג וָואס דוּא וֶועסְט דֶען בְּרִיעף לֵיינֶען. וֶוערְד מֶען דִיר מִן הַשָּׁמַיִם עֶנְטְפֶערְן. וָואס דוּ וֶועסְט פוּן אִיהְם פַארְלַאנְגֶען (מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן):